בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' אמור
שנה ב'




כל הזכויות שמורות

## הכנה צו קבלת התורה

### חלק א' - ציילן ספירת העומר

#### ציילן צוריקצואוועגס

"און איר זאלט ציילן פאר זיך פון דעם צווייטן טאג פסח, פון דעם טאג וואס דו ברענגסט דעם קרבן עומר" (ויקרא כג: טו). אין דעם טאג טוט כלל ישראל, אלע אינאיינעם, אנהייבן ציילן נײַן און פערציג טעג מיט ערווארטונג אויף דעם יום טוב שבועות.

און דאך, איין זאך באמערקן מיר גלייך ווען מיר הייבן אן לערנען פון די מצוה, אז מיר ציילן נישט ווי געוועגליך - מיר ציילן נישט וויפיל טעג עס זענען נאך פארבליבן ביז קבלת התורה. דאס איז ווי אזוי עס וואלט געדארפט זיין. נײַן און פערציג טעג ביז קבלת התורה. אכט און פערציג טעג ביז קבלת התורה. זיבן און פערציג טעג. זעקס און פערציג טעג. אבער ניין, מיר טוען נישט אזוי. וּסְפַרְתֶּם לָכֶם... מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה - און איר זאלט ציילן פאר זיך... פון דעם טאג וואס איר ברענגט דעם קרבן עומר. דער פסוק באפעלט מיר זאלן ציילן די טעג וואס גייען אריבער פון ווען מיר שניידן דעם ערשטן שניט און מיר ברענגען דעם קרבן פון די נייע תבואה אין בית המקדש.

היום יום אחד לעומר - היינט איז דער ערשטער טאג פון דעם עומר. מיר רעדן אינגאנצן נישט פון שבועות, נאר מיר ציילן די טעג לויט דעם עומר. איין טאג פונעם עומר. צוויי טעג פונעם עומר. דריי טעג פונעם עומר. מיר ציילן פון דעם עומר ביז מיר קומען אן צו שבועות. עס איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל אויב דאס ציילן איז געווען מיט ערווארטונג צו דעם גרויסן מעמד פון מתן תורה ווען אידישע קינדער וועלן הערן דאס קול פון באשעפער, דאן וואלט מען געדארפט ציילן די טעג וואס זענען נאך פארבליבן ביז דעם טאג. דער ענין פאדערט אן ערקלערונג צו פארשטיין.

די אפיקורסים קענען אודאי אויסניצן דעם אינטערעסאנטן לשון און זאגן, "אה, אמאל איז שבועות גארנישט געווען, נאר א שניט יום טוב. פונקט ווי די גוים פראווען א יום טוב אין די צייט פון די תבואה שניט, אזוי האט אויך דאס אידישע פאלק געטון די זעלבע." מיר ווייסן אבער אז דאס איז נישט ריכטיג, נאר די תורה וויל אונז דערמיט עפעס לערנען. וועלן מיר טאקע אצינד דורכטון דעם ענין פארוואס מען ציילט אויף דעם גאנג, די נקודה דערפון וואס מיר דארפן ארייננעמען אין זיך. ספירת העומר איז א מצוות עשה דאורייתא, קענען מיר עס נישט סתם דורכלאזן און נישט אפלערנען כאטש איין לימוד וואס איז אונז וויכטיג למעשה.

#### ציילן די עסן טעג

דער אמת איז אז מיר ציילן נישט בלויז די טעג צו שבועות; אויף דעם קען מען קוקן אויפן לוח. ספירת העומר מיינט אז מיר ציילן די טעג כדי זיך צו גרייטן צו שבועות. מיר טוען נישט בלויז ארויסקוקן צום טאג

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

אליין פון מתן תורה. אודאי דאס אויך - אבער דער וועג אנצוקומען אהין, דער וועג צו קומען שבועות גרייט פאר קבלת התורה, איז דורך צוריקקוקן צו דער עומר, דער ספעציעלער תבואה קרבן וואס דערמיט טוט מען פייערן דעם אנהייב פון די שניט און עס מאכט די נייע פראדוקציע מותר צו עסן.

און וואס טוט אונז דער קרבן עומר לערנען? גאנץ פשוט, עס לאזט אונז וויסן אז דער באשעפער איז דער וואס געבט אונז עסן. און ווען מיר ציילן ספירה, זענען דאס 'עסן טעג' וואס מיר ציילן. מערסטנס מענטשן האבן קיינמאל נישט געטראכט דערפון - מיר ציילן ספירה ווייל מיר עסן; דער קרבן עומר איז הכרת הטוב פאר אונזער עסן.

## קומען צו מתן תורה מיט זאטקייט

און נישט נאר איין מאל - יעדן טאג וואס מיר עסן ווייטער פון די נייע שניט דארף מען אויפסניי ציילן. מיר ציילן די טעג, איין טאג אויפאמאל, וואס דער באשעפער שפייזט אונז. "איך האב געגעסן נעכטן, און היינט עס איך נאכאמאל." דאס איז וואס ספירה איז. מיר ציילן עסן טעג! "באשעפער, דו האסט אונז געגעבן עסן פאר איין גאנצער טאג. "אצינד, צוויי טעג געבסטו אונז עסן." "אצינד איז שוין דריי טעג און דו געבסט אונז נאך אלץ עסן." פיר טעג, עסן; פינף טעג, עסן. דו געבסט אונז עסן איין טאג נאכן צווייטן. און מיר הערן נישט אויף צו ציילן: "היינט איז דער דרייסיגסטער טאג פון עסן!" אהא! א חודש פון עסן!

נאכן ציילן אזויפיל טעג פון עסן ברויט, זענען מיר אזוי דאנקבאר אז ווען מיר קומען אן צו שבועות זענען מיר גרייט צו אננעמען די תורה מיטן גאנצן הארץ, מיט א לב שלם. מיר זענען אזוי פרייליך אז דו שפייזט אונז, און אויב אזוי, וועלן מיר דיר דאנקען דורכן אננעמען די תורה! מיר האבן געגעסן אזויפיל טעג און אצינד זענען מיר גרייט פאר קבלת התורה!

## די ברויט פון אמאל

איך פארשטיי אז ווען מען הערט אזעלכע ווערטער, מיינט עס זייער ווייניג צו אונזערע אמעריקאנער אויערן. און דאס איז צוליב דעם ווייל ווען מענטשן האבן אן איבערפלוס פון עסן, שפירן זיי נישט אז זיי דארפן זיין דאנקבאר. אין די אמאליגע צייטן, ווען א מענטש איז אהיימגעקומען און געפרעגט זיין ווייב, "איז דא פאר מיר עפעס ברויט צו עסן?" און אז די ווייב האט געלייגט א שטיקל ברויט אויפן טיש איז ער געווען אזוי פרייליך. א שטיקל ברויט! צומאל ווען ער האט אויפגעגעסן די שטיקל ברויט און געבעטן נאך א שטיקל, האט זיין ווייב אים געדארפט זאגן 'ניין', ווייל זי האט עס געדארפט אפשפארן פאר די קומענדיגע מאלצייט אדער פאר די קינדער'ס פרישטאג. אבער ער איז סייווי געווען צופרידן; ער האט געגעסן א שטיקל ברויט.

אזוי פלעגט עס זיין. צוליב דעם ווייל ער האט נישט פארמאגט גענוג, דערפאר איז ער געווען זייער פרייליך מיט דאס שטיקל ברויט וואס ער האט געהאט. ער האט עס געשעצט - "ברוך ה', נאך א טאג מיט עסן!" - און דערפאר, נאכן עסן די ברויט, האט ער זיך געוואשן מים אחרונים און ארויסגענומען א גרויסן סידור און געדאנקט דעם באשעפער פאר די ברויט מיט זיין גאנצע הארץ, "ברוך אתה ה', אוי, אוי, אוי! ברויט! הזן את העולם כולו - ער שפייזט די גאנצע וועלט און ער טוט דאס בחן, בחסד וברחמים - מיט לייטזעליגקייט, מיט גענאד און מיט רחמנות." ער איז געווען אזוי פרייליך מיט דאס שטיקל ברויט!

## די ברויט פון היינט

דאגעגן היינט, קומט א מענטש אהיים, ווען אויפן וועג האט ער זיך שוין אפגעשטעלט אין א בעקעריי און זיך אנגעשטאפט מיט פעטע קנישעס און דענישעס און אזוי, ווען זיין ווייב לייגט אראפ ברויט אויפן טיש האט ער נישט קיין אפעטיט און איז אודאי נישט דאנקבאר פאר קיין שום זאך. ער איז אויך נישט געווען דאנקבאר פאר די קנישעס. דערפאר, ווען מען רעדט היינט איבער דער ענין פון ציילן די טעג וואס מ'עסט ברויט, דערהערט מען נישט די לערע דערפון. עס איז נישט אלעמאל אזוי גרינג צו אריינזעצן תורה השקפות אין אמעריקאנער קעפ.

## ברויט איז דער סימבאל פון פרייד

אבער דער אמת איז, נישט נאר אויף די ברויט דאנקען מיר. ברויט איז בלויז א סימן - עס איז דער שפיץ, דער הויכפונקט, פון אלע חסדי ה׳. ווען מיר זאגן אז מיר דאנקען דעם באשעפער פאר ברויט, פאר דער עומר, דאס מיינט אז מיר דאנקען אים פאר אלעס. אלעס! און טאקע פאר אלעס, קענען אויך מיר פארפיצטשקעטע אמעריקאנער אנהייבן שפירן הכרת הטוב.

ווי אזוי ווייס איך אז ברויט ענטהאלט אלעס? אין מסכת פסחים (קי״ח.) רעדט די גמרא פון קאפיטל קלו אין תהלים און זאגט אז די קאפיטל ווערט גערופן ׳הלל הגדול׳, דער גרויסער הלל. מיר ווייסן אז אלעס וואס ווערט דערמאנט אין תהלים איז ׳גדול׳. אשרי/תהילה לדוד, איז זייער גרויס. אויב מען זאגט עס יעדן טאג דריי מאל איז מען א בן עולם הבא! אזוי חשוב איז דאס. דאן פארוואס ווערט דער קאפיטל ארויסגעהויבן צו ווערן גערופן ׳הלל הגדול׳? דאס איז די שאלה אין די גמרא.

## ברויט איז דער הויכפונקט פון שמחה

ערקלערט דארט די גמרא אז עס ווערט גערופן ׳הלל הגדול׳ צוליב דעם לעצטן חסד ה׳ וואס ווערט דארט דערמאנט, וואס דאס איז דער הויכפונקט פון אלע חסדי ה׳. עס געפינט זיך דארט זעקס און צוואנציג מאל דער אויסדרוק כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ, אויסרעכענענדיג דעם באשעפער׳ס חסדים. ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, כי לעולם חסדו! ער האט דורכגעפירט די בני ישראל דורכן ים, כי לעולם חסדו! ער האט דערטראנקען די מצריים אין ים סוף, כי לעולם חסדו! ער האט אונז געפירט אין מדבר, כי לעולם חסדו! ער האט צעשלאגן אונזערע פיינט, כי לעולם חסדו! אזוי, א גאנצע לאנגע ליסטע פון חסדי ה׳.

און דאן, נאך אלע לויב, נאך אלע אנדערע ניסים וואס ווערן דערמאנט, וואס איז דער הויכפונקט פון די חסדי ה׳? די לעצטע זאך פון די גאנצע ליסטע איז נֹתֵן לֶחֶם, לְכָל-בָּשָׂר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ - דו באשעפער, געבסט עסן פאר אלע באשעפענישן. דאס איז די גרויסע פארענדיגונג פון די לויב - דער באשעפער איז זן ומפרנס די גאנצע וועלט! די איטאליענער עסן וואורשטלעך. די איירישע עסן קארטאפל. די אמעריקאנער עסן אלעס. און מיר, ברוך ה׳, עסן אויך. מיר האבן וואס צו עסן!

## הכנה צו שבועות

און דאס איז דער ענין פון ספירת העומר - הכרת הטוב פאר די ברויט און פארן לעבן און פאר אלעס, פאר די אלע ׳כי לעולם חסדו׳ אויף די וועלט. און אט די הכרת הטוב - איין טאג פון הכרת הטוב, צוויי טעג פון הכרת הטוב, דריי טעג - דאס איז אונזער הכנה צו קבלת התורה.

דאס איז אויך געווען די הכנה צו די ערשטע קבלת התורה אין די היסטאריע. ווען מיר טוען דורכלערנען דער ענין פון קבלת התורה, זעען מיר אז עס איז נאר צושטאנד געקומען א דאנק די הכרת הטוב; עס איז געווען אן איבערפליסנדער געפיל פון הכרת הטוב וואס האט געברענגט אונזערע עלטערן צו מקבל זיין דעם באשעפער׳ס תורה.

און דאס איז וואס מיר וועלן אצינד ארומרעדן, ווייל די לערע דערפון דארפן מיר קונה זיין אין די טעג וואס מיר ציילן דעם עומר, די טעג וואס פירט אונז צום יום טוב שבועות.

# חלק ב׳ - די ערשטע ספירת העומר

## וואס איז די עבודה?

ווען משה רבינו האט געפאסעט יתרו׳ס שאף אין מדבר און דער באשעפער האט גערעדט צו אים צום ערשטן מאל, האט ער אים געזאגט אזוי (שמות ג׳:י״ב): בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם - ווען דו וועסט ארויסציען דאס פאלק פון מצרים, תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה - וועלן זיי דינען דעם באשעפער אויף דעם בארג, אויף הר סיני.

דער פסוק איז שווער צו פארשטיין. וואס מיינען די ווערטער, "זיי וועלן דינען דעם באשעפער אויף דעם בארג"? מען קען מיינען אז דאס באציט זיך צו קרבנות וואס וועלן געברענגט ווערן אויף דעם הר סיני, אבער באמת איז דאס נישט דער פשט. מיר ווייסן אז דער העכסטער מעמד וואס איז פארגעקומען ביים הר סיני איז געווען קבלת התורה. תַּעַבְדוּן, די עבודה אויף דעם בארג, האט געמיינט דאס וואס דער עם ישראל האט אנגענומען די תורה מיט זייער גאנצע הארץ.

## דער באשעפער געבט זיין הסכמה

די אידן האבן געזאגט, "נעשה ונשמע - מיר זענען גרייט צו טון אלעס, אפילו מיר ווייסן נאכנישט וואס עס וועט זיין." דער באשעפער האט אנגעטראגן די תורה צו אלע פעלקער, אבער זיי האבן געזאגט, "איידער מיר נעמען אן די תורה דארפן מיר וויסן 'מה כתוב בה'? וואס שטייט אין די תורה וואס דו טוסט אונז פארלייגן? מיר דארפן מער אינפארמאציע צו איבערגעבן פאר אונזערע אדוואקאטן צו דורכשטודירן. מיר דארפן האבן צייט עס צו איבערטראכטן." דאגעגן דער עם ישראל? "מיר האבן נישט קיין שאלות! מיר זענען אלעס מקבל!"

וַיַּעַן כָּל הָעָם - און דאס גאנצע פאלק האט געענטפערט (שמות כד:ג). אן קיין אויסנאם, האט יעדער איד זיך אנגערופן און געזאגט, "מיר זענען מקבל די תורה!" און נישט נאר וואס זיי האבן עס געזאגט, נאר זיי האבן דאס באמת געמיינט מיט דאס גאנצע הארץ. מיר ווייסן דאס, ווייל ווען דער באשעפער האט געהערט איבער דעם טאג, האט ער געזאגט, מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי וְלִשְׁמֹר אֶת כָּל מִצְוֹתַי כָּל הַיָּמִים - ווער זאל מאכן אז זייער הארץ זאל זיין זיי זאלן מורא האבן פון מיר שטענדיג צו היטן אלע מצוות אלע טעג (דברים ה:כה). דא האבן מיר די עדות פון הקדוש ברוך הוא אליין אז ווען די אידן האבן געזאגט 'נעשה ונשמע' איז דאס געזאגט געווארן מיט דאס גאנצע הארץ.

## דער באשעפער לאזט זיך ארויס דערפון

אבער די שאלה איז: וואס איז דאס געווען וואס האט זיי געברענגט צו מקבל זיין די תורה? וואס איז געווען די מאטיוואציע וואס האט זיי גרייט געמאכט צו מקבל זיין די תורה בלינדערהייט? עס האט שוין אמאל פאסירט אז א פאלק פון צוויי מיליאן מיטגלידער זאלן מסכים זיין צו אננעמען אויף זיך א גענצליך נייער גאנג פון געזעצן און געבאטן און באגרעניצונגען אן צו וויסן וואס עס ענטהאלט?! דאס איז געווען די מערסטע אומגעווענליכע ערשיינונג וואס האט אמאל פאסירט; נאכמער אויסטערליש ווי קריעת ים סוף. דער באשעפער קען מאכן ניסים - ער האט געקענט מאכן מכות בכורות, ער האט געקענט שפאלטן דעם ים סוף, ער האט געקענט און קען ווייטער טון אלעס! אבער ווען מענטשן דארפן ניצן זייער אייגענער פרייער רצון, זייער בחירה, דארט מישט זיך דער באשעפער נישט אריין. ער לאזט די מענטשן אליין בוחר זיין. און מיר ווייסן אז אידן זענען א פאר'עקשנ'טער און קריגערישער פאלק - ווען עס קומען זיך צוזאם צען אידן, וועט מען גאנץ אפט האבן צען מיינונגען. און וויפיל אידן זענען געווען ביים הר סיני? כאטש צוויי מיליאן!

צוויי מיליאן אידן זענען געשטאנען צוזאמען און יעדער איינציגער פון זיי האט מסכים געווען - "מיר זענען מקבל!" מיט זייער אייגענער פרייער ווילן האבן זיי געזאגט, מיט זייער גאנצע הארץ, "נעשה ונשמע - מיר זענען מקבל די תורה!" און זיי האבן דאס געטון מיט אזא גרייטקייט אז הקדוש ברוך הוא האט אריינגעקוקט אין זייערע הערצער און עדות געזאגט אז זיי האבן עס באמת געמיינט. דאס איז געווען די מערקווירדיגסטע געשעעניש אין די היסטאריע פון די וועלט! דאס איז געווען גארנישט ווייניגער ווי א נס.

## די מאטיוואציע פאר נעשה ונשמע

ווי אזוי קען אזא נס פאסירן? אז מיר וועלן נעמען אביסל צייט דאס דורכצולערנען, וועלן מיר אנטדעקן אז דאס איז אלעס געווען א רעזולטאט פון הכרת הטוב. די מענטשן וואס זענען געשטאנען ביים הר סיני זענען געווען אין מצרים 210 יאר, זיי האבן נישט געקענט ארויסגיין. שטעלט זיך פאר אז דורכאויס א תקופה פון 210 יאר איז אייער פאמיליע שוין אין אמעריקע און איר קענט נישט ארויסגיין. אפילו אויב זיי וואלטן נישט געדארפט טון שווערע

ארבעט די אלע יארן, זענען זיי דאך געווען ארעסטירט אין מצרים אן קיין אויסזיכט צו קענען פארלאזן דאס לאנד. וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם - זייערע לעבנס זענען געווען דערביטערט (שמות א:יד). זיי האבן שרעקליך געליטן אין מצרים. יעדע מאל א אינגל איז געבוירן געווארן איז די מאמע געווען דערשראקן אז אויב די מצריים וועלן אויסגעפינען וועלן זיי אים אריינווארפן אין נילוס אלס א קרבן פאר דעם אפגאט פונעם טייך צו וועלכן זיי האבן געדינט. אויך האבן די אידן געארבעט עבודת הפרך; דער פסוק באשרייבט עס אלס, 'קֹצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה' - זיי האבן קוים געקענט אטעמען פון די שווועריקייט פון די ארבעט (שמות ו:ט).

דאן ענדליך, פלוצלינג, האט עפעס פאסירט! אינמיטן די נאכט איז פרעה אויפגעשטאנען, ער איז ארויס פון זיין פאלאץ, און איז געקומען צו לויפן מיט אלע זיינע שרים און יועצים. "ביטע גייט ארויס פון מיין לאנד אין די מינוט!" און דאס אידישע פאלק האט ארויסגעשפאנט אינדערפרי אנגעלאדנט מיט דאס גאנצע רייכטום פון מצרים - זיי האבן מיטגענומען די פארמעגנס פונעם לאנד. דאס שטייט אין די תורה: וַיְנַצְּלוּ אֶת מִצְרָיִם (שמות יב:לו). זיי האבן יעצט באקומען באצאלט פאר אלע יארן פון שווערע ארבעט - מיט פראצענטן!

אלזא, אצינד האבן זיי ארויסמארשירט פון מצרים אנגעלאדנט מיט זילבער און גאלד און צוגעזען די פארטיליגונג פון זייערע אונטערדריקער. דיינו! דאס אליין וואלט שוין געווען גענוג! אבער דאן, ווען זיי זענען אנגעקומען צום ים סוף, האבן זיי בייגעוואוינט ווי זייערע באצווינגער דערטרינקען זיך קעגן זייערע אויגן. אהא - וואספארא הכרת הטוב האבן זיי געפילט צום באשעפער. דיינו! דאס אליין וואלט געווען גענוג! און זיי האבן אלע געזונגען שירה, א געזאנג פון דאנק צום באשעפער; זיי זענען ארויס פון די כלים מיט א ברען פון התלהבות. זיי זענען געווארן אזוי דאנקבאר און אנגעפילט מיט אזא טיפער ליבשאפט צום באשעפער, אז זיי זענען געווען גרייט צו טון אלעס וואס ער וועט בעטן.

## מיר זענען מקבל מיט דאנק

און דערפאר, ווען די צייט איז געקומען, האבן זיי מקבל געווען די תורה ווייל זייערע הערצער זענען געווען באפליצט מיט הכרת הטוב. זיי האבן ליב געהאט דעם באשעפער! אויב דער באשעפער וואלט זיי געבעטן צו אריינטאנצן אין פייער פאר אים, וואלטן זיי אריינגעטאנצן! זיי האבן געדינט דעם באשעפער אויף דעם בארג מיט א גאנצע גרייטקייט, און דאס מיינט 'עבודה' - עס איז דער שטרעבן צו דינען דעם באשעפער צוליב די אויסערגעוועינליכע הכרת הטוב וואס מען שפירט.

און דאס איז וואס דער באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו ביים ערשטן מאל וואס ער האט גערעדט צו אים: בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם - ווייל דו, אלס מיין שליח, וועסט ארויסציען דאס פאלק פון מצרים, תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה - דערפאר וועלן זיי דינען דעם באשעפער אויף דעם בארג, אויף הר סיני (שמות ג:יב). דער באשעפער האט דערמיט באטאנט אז די הכרת הטוב אויף יציאת מצרים וועט אונטערצינדן דאס פאלק מיט א געוואלדיגער ברען פון ליבשאפט צום באשעפער, וואס וועט גורם זיין די וואונדערליכע און אומגעוועונליכע ערשיינונג אז א גאנצע פאלק זאל מקבל זיין אויף זיך די עבודה פון באשעפער אויף אייביג און שטענדיג. צוליב דעם, ווען דער באשעפער האט אנגעהויבן זאגן די עשרת הדברות, זענען זיינע ערשטע רייד געווען, "איך בין דער באשעפער, אייער ג-ט, וואס האט אייך ארויסגענומען פון מצרים" (שמות כ:ב). די טיפע הכרת הטוב און ליבשאפט וואס איז איינגעפלאנצט געווארן דורך יציאת מצרים, דאס איז געווען דער יסוד און די מאטיוואציע פאר די תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים, פאר די עבודת ה' וואס זיי האבן מקבל געווען אויף זיך ביים הר סיני. די עבודה פון קבלת התורה איז געווען די עבודה פון הכרת הטוב.

# חלק ג' - אונזער ספירת העומר

## איבערראשט אויף ברויט

מיר דארפן אבער וויסן אז דאס איז נישט געווען עפעס וואס האט פאסירט בלויז איין מאל - דאס דארף צו

דינען אלס א לערע פאר אונז אויף שטענדיג. דערפאר ציילן מיר דעם עומר אויף אזא אומגעווענליכער אופן. אנשטאט צו ציילן די טעג ביז קבלת התורה, ציילן מיר אויף צוריקצואוועגס! איין טאג פון עסן פון די נייע שניט, צוויי טעג פון עסן פון די נייע שניט. מיר ווערן איבערראשט איבער די תבואה וואס דער באשעפער געבט אונז. נותן לחם לכל בשר, כי לעולם חסדו - איין טאג און נאך א טאג און דערנאך נאך א טאג, ביז מיר זענען גרייט צו זאגן ווידעראמאל ׳נעשה ונשמע׳.

דאס איז גענצליך א נייער דערהער וואס מיר לערנען דא! אינגאנצן א נייער צוגאנג צו וואס עבודת ה׳ באדייט, וואס עס מיינט צו מקבל זיין די תורה און דינען דעם באשעפער אלע טעג פון אונזער לעבן. צו זיין אן עובד ה׳ מיינט אים צו דינען צוליב אונזער הכרת הטוב.

## דער פאלטשער בליק

אויב מיר זאלן היינט אנטרעפן א בעל תשובה וואס וויל ווערן פרום - און נישט נאר א בעל תשובה, נאר אפילו אן ערליכער איד וואס באשליסט אז ער וויל באמת דינען דעם באשעפער - ער טראכט ביי זיך אז ער איז גרייט צו טון זאכן ״פארן באשעפער״. אבער גאנץ אפט דאכט זיך אים אז ער איז דער געבער - ער געבט אוועק זיין צייט אדער געלט אדער ארבעט צו דינען דעם באשעפער. ער וועט אפילו מקריב זיין זיינע רצונות כדי צו דינען דעם באשעפער. אצינד איז ער פרום; ער טוט זאכן פארן באשעפער. אזוי טראכט ער. ״זע וואס איך טו פארן באשעפער! איך געב אוועק מיין גאנץ לעבן זיך צו פירן ווי א פרומער איד און היטן זיין תורה!״

אמאל, ווען איך בין געווען אין די ישיבה פון סלאבאדקע, איז א געוועזענער תלמיד געקומען צו די ישיבה צו באזוכן זיינע רביים. דער משגיח האט אים געפרעגט, ״וואס הערט זיך? וואס טוט זיך?״ האט דער תלמיד געענטפערט, ״אין רוחניות, זייער גוט, זייער גוט. אבער גשמיות - עס איז א שווערער מצב, עס איז זייער שווער.״

נאך וואס דער תלמיד איז אוועקגעגאנגען, האט דער משגיח גערעדט צו אונז, אויסטייטשנדיג יענער תלמיד׳ס ווערטער אזוי: ״וואס איך טו פאר דעם באשעפער, דאס איז זייער גוט! איך האלט זיך פון גארנישט צוריק, איך געב פארן באשעפער אלעס וואס איך קען. דאגעגן, בנוגע וואס דער באשעפער טוט פאר מיר, דאס איז שווער, עס איז נישט אזוי גוט.״

## געבן פארן באשעפער

למעשה איז עס פונקט פארקערט! דער מענטש טראכט ביי זיך אז ער איז דער ׳טוב ומטיב׳, ער איז דער געבער און דער באשעפער איז דער מקבל! ״וואס טוט ער פאר מיר?״ טראכט דער מענטש, ״כמעט גארנישט!״ א מענטש וואס לעבט אזוי איז נישט קיין עובד ה׳. ער איז א מושחת; ער איז פאלש דורך און דורך. פון אויבן אראפ איז ער פאלש, ווייל ער מיינט אז יעדע מאל ער טוט א גוטער טאט, געבט ער פארן באשעפער מער ווי עס קומט אים. איך היט אידישקייט - איך בין מקיים אלע מצוות; איך גיי אין שול, איך טו אן תפילין, איך היט שבת. ״איך טו אלעס פאר דיר!״ ער מיינט אז ער מאכט בלויז א גוטן געשעפט: ״איך לייד פאר דיינעט וועגן אויף די וועלט,״ זאגט ער צום באשעפער, ״ווייל איך ווייס אז דו וועסט מיר באצאלן אויף די קומענדיגע וועלט!״

כאטש דאס איז ריכטיג - דער באשעפער באצאלט פאר א מענטש עולם הבא פאר זיינע מצוות, נישטא קיין ספק אין דעם - אבער וואס מיר לערנען אצינד, אז דער צוגאנג איז נישט ריכטיג. עס איז זייער נישט ריכטיג. דער מענטש מאכט א גרויסן טעות איבער וואס קבלת התורה באדייט.

## איין שער אויפאמאל

קבלת התורה דארף א הקדמה. דער ספר חובת הלבבות ענטהאלט צען שערים, צען אפטיילונגען. דער ערשטער שער איז ׳יחוד אלקים׳. דארט רעדט דער חובת הלבבות איבער דער ענין פון אנערקענען דעם אמת פון באשעפער, פילאזאפיש באווייזן צו דער עקזיסטענץ פון באשעפער. דער צווייטער שער איז ׳שער הבחינה׳ - דאס איז די לערע

פון חכמה און חסד פון באשעפער וואס צייגט זיך ארויס דורך דער נאטור, דורך אלע גוטס וואס דער באשעפער טוט אונז שענקען. דערנאך קומט דער דריטער פרק, א שער וואס ווערט גערופן ׳שער עבודת אלקים׳ - דער טויער פון דינען דעם באשעפער.

דער חובת הלבבות ערקלערט אז דער סדר פון די שערים איז מיט א כוונה. ער זאגט דארט אז נאר ׳אחר הבחינה׳, נאר נאך וואס דו לערנסט אדורך די חסדים וואס דער באשעפער טוט דיר שענקען, נאר דאן קענסטו באמת דינען דעם באשעפער. ווען א מענטש הייבט אן צו אנערקענען וואס דער באשעפער טוט פאר אים נאכאנאנד, דאס איז דער אנהייב פון זיין קאריערע פון זיין אן עובד ה׳. אודאי דארף מען סייווי אלעס מקיים זיין; מ׳דארף אלעס היטן! אבער מען דארף וויסן אז עס הייסט נישט עבודת ה׳ ביז מען האט נישט דורכגעלערנט די הקדמה פון הכרת הטוב.

## דער ציוויליזירטער איד

מען קען נישט סתם אריינטאנצן אין עבודת ה׳. אודאי, טון מצוות מוז מען ווייל מ׳קען נישט זיין קיין איד אן קיין מצוות. אבער דאס איז ווי מ׳זאל זאגן, "דו קענסט נישט זיין קיין ציוויליזירטער מענטש אויב דו האסט נישט אן קיין הויזן אין גאס." אלזא, טוסטו אן הויזן און אצינד ביסטו שוין א ציוויליזירטער מענטש. אבער אנטון הויזן מאכט דיר נישט פאר א צדיק. און בלויז טון מצוות מאכט דיר נאכנישט פאר אן עבד ה׳. עס קען דיר פארוואנדלען צו א לייטישער מענטש, א איד, אבער צו זיין אן עבד ה׳ דארפסטו מער ווי בלויז הויזן, מער ווי בלויז מצוות.

דער ערשטער שטאפל איז צו אנערקענען וואס דער באשעפער האט געטון פאר דיר און וואס ער טוט פאר דיר יעדע רגע. דאס איז נומער איינס! פארוואס איז דאס אזוי? ווייל נאר נאך וואס א מענטש איז איבערצייגט אז דער באשעפער באגיסט אים מיט אלע סארט חסדים, נאר נאך וואס א מענטש שפירט אנגעלאדנט מיט חובות פאר די אלע השפעות וואס דער באשעפער געבט אים, נאר דאן קען ער פילן א דראנג צו וועלן טון עפעס אויף צוריק. און דאס מיינט עבודה! עבודה באדייט צו האבן א רצון צו צוריקצאלן פאר די חסדים פון באשעפער. לויטן חובת הלבבות, מיינט עבודה צו זיין אזוי אנגעפילט מיט הכרת הטוב צום באשעפער, ביז מען וויל טון עפעס צו צוריקצאלן דערפאר.

## ווער איז דער פארלייער?

און די הקדמה איז וויכטיג. אויב נישט, אויב דו פארהיפערסט די הקדמה, דאן דינסטו נישט דעם באשעפער. עס קען זיין אז דו טוסט מצוות, דו לערנסט תורה, אבער דו מיינסט אז דו טוסט דעם באשעפער א טובה! עס דאכט זיך דיר אז סתם אזוי טוסטו זיין ווילן, עס קומט נישט מיט קיין שום מאטיוואציע פון דיין זייט, בלויז ווי א צדקה פארן באשעפער היטסטו זיין תורה, און דערפאר איז דער באשעפער דיר שולדיג אסאך.

אבער דאס הייסט נישט קיין עבד ה׳. פארקערט, דו באטראכסט זיך ווי דו שטייסט פון אויבן! עבד לוה לאיש מלוה; ווען איינער בארגט געלט, ווערט ער שולדיג - א קנעכט - צו דעם פארלייער. איז דא פארלייען מיר טובות פארן באשעפער, מיר טוען פאר אים גוטע מעשים, און מיר טוען דאס א גאנצע צייט, איז ער איז אונז שולדיג. ער איז אונזער עבד, כביכול. ער איז אונזער קנעכט, חלילה, און נישט פארקערט.

אבער אויב דו אנערקענסט אז דו פארדינסט רווחים, הויפנס און הויפנס פון רווחים, בערג פון רווחים, וואס דו קענסט שווערליך צוריקצאלן אפילו פרוטות, דו ווערסט פאררויטלט און שפירסט זיך פארשעמט און שולדיג פארן באשעפער, אזוי אז דו ווייסט נישט וואו זיך צו באהאלטן פון באשעפער פאר גרויס בושה. דו ביסט נכנע, דו ביסט אונטערטעניגט, און פונקט ווי דוד המלך הייבסטו אן צו זאגן (תהלים קטז:יב), מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי - ווי אזוי קען איך צוריקצאלן פארן באשעפער פאר אלעס וואס איר האט מיר געגעבן? ווען דו פרעגסט אט די שאלה, ביסטו גרייט צו זיין אן עובד ה׳. דו זאגסט ׳מה אשיב׳ - "וואס קען איך צוריקצאלן? לאז מיר כאטש דיר דינען, צו אויסדריקן מיין הכרת הטוב!" אהה! אצינד ביסטו גרייט! אצינד קענסטו ענדליך אנהייבן די קאריערע אין עבודת ה׳. אצינד קענסטו שוין מקבל זיין די תורה.

# חלק ד. די תורה אויף איין פיס

## תורה אויף איין פיס

עס איז באקאנט די מעשה פונעם גוי וואס האט געוואלט ווערן א איד, ער האט געוואלט מקבל זיין די תורה, איז ער געקומען צו שמאי. "לערן מיר די גאנצע תורה אויף איין פיס," האט ער געבעטן. אויף איין פיס! שמאי איז געווען צו פארנומען פאר אזעלכע שפילערייען. ער האט גענומען זיין שטעקן און אוועקגעשטופט דעם מענטש דערמיט, ווי צו זאגן, "נישטא אזא זאך!" דער אמת איז אז שמאי איז געווען גערעכט. אויב א מענטש קומט זיך לערנען אינסטולאציע און זאגט צו א מייסטער אינסטולאטער, "לערן מיר די גאנצע פאך פון אינסטולאציע אויף איין פיס," וואלט דער מייסטער אינסטולאטער ארויסגענומען זיין לאנגער רער און וואלט אים געגעבן א קלאפ אין קאפ. "אינסטולאציע ווילט איר לערנען אויף איין פיס?! וואס מיינט איר איז דאס?!" דאס איז וואס שמאי האט געזאגט. "וואס מיינט 'תורה אויף איין פיס'?! איר דארפט זיך אראפזעצן פאר א לאנגע צייט צו לערנען די תורה, פאר יארן און יארן."

אבער דער גוי איז געווען אן עקשן, איז ער געקומען צו הלל. "לערן מיר די תורה אויף איין פיס," האט ער געבעטן פון הלל. וואס האט הלל געענטפערט? ער האט געזאגט אזוי: "דו ווילסט לערנען די גאנצע תורה אויף איין פיס? גוט, הייב אויף דיין פוס און לאמיר אנהייבן."

איז וואס האט אים הלל געזאגט? מה דעלך סני - וואס דו האסט פיינט, לחברך לא תעביד - טו נישט פאר דיין פריינד. דערנאך האט אים הלל געזאגט, "יעצט קענסטו אראפלייגן דיין פוס. דאס איז די גאנצע תורה. אלע איבריגע זאכן זענען ערקלערונגען. אצינד קענסטו זיך נעמען לערנען."

## ווער איז דיין פריינד?

רש"י הק' ערקלערט צוויי פירושים אויף די גמרא, אבער מיר וועלן יעצט נעמען בלויז דער ערשטער פירוש. הלל האט געזאגט צו דעם גוי אזוי: "דו ווילסט וויסן די סיבה פארוואס מען דארף עסן כשר'ס, פארוואס מען טאר נישט אפשערן דעם בארד מיט א גאל מעסער, פארוואס מען טאר נישט אנטון שעטנז, פארוואס מען טאר נישט שרייבן יום טוב? וועל איך דיר זאגן דעם תירוץ," האט הלל ערקלערט, "אויב האסטו געגעבן פאר איינעם זייער פיל מתנות, טייערע מתנות פאר א לאנגע צייט, נאכאמאל און נאכאמאל אן קיין סוף, און ענדליך איין טאג בעטסטו פון אים א קליינע טובה, אז ער זאל דיר גיין ערלעדיגן עפעס א קלייניקייט, און ער זאגט דיר, 'וואס עפעס זאל איך עס טון?' ווי אזוי וועסטו שפירן? דאס איז הכרת הטוב?! דו וועסט שפירן אז ער איז אן אוממענטש! נאך וואס דו האסט געטון אזויפיל טובות פאר איינעם, אנטזאגט ער זיך צו טון א קליינע טובה פאר דיר, דאס וואלטסטו פיינט געהאט."

און אויב דו וואלטסט דאס פיינט געהאט, דאן לחברך - צו דיין גרויסן פריינד אין הימל, לא תעביד - טו דאס נישט צו אים. דער באשעפער האט דיר געגעבן אזויפיל זאכן, אז דו ביסט אים שולדיג אויף אייביג. בלויז דאס וואס ער האט דיר געגעבן לעבן פאר אזויפיל יארן, איז מער ווי גענוג. דו ביסט אזוי פיל שולדיג אז עס איז בכלל נישט מעגליך אים צו צוריקצאלן. ער האט דיר געגעבן לעבן! דאס אליין איז שוין א גרויסער חוב!

## וואס האסטו געטון פאר מיר לעצטנס?

מענטשן טראכטן, אויף וואס דארף איך צוריקצאלן? צי האב איך אים דען געבעטן ער זאל מיר געבן לעבן? צי האב איך אים געבעטן ער זאל מיר באשאפן? דאס ווייזט אויף א שרעקליכע אומדאנקבארקייט, די שאלה אליין שפיגלט אפ פארפוילטע מידות. ווייל לאמיר זאגן ווען פאר דעם מענטש זעט אויס אז ער וועט נישט קענען לעבן מער ווי נאך עטליכע טעג צוליב א געוויסע שטערבליכע קרענק אויף וואס ער ליידט - וועט ער טון אלעס אין די וועלט צו טרעפן א רפואה. ער וועט גיין צו יעדן דאקטער און דורכגיין אלע סארט טעסטן. ער וועט צאלן שווערע געלטער. ער וויל לעבן! אהא! דו ווילסט לעבן! איז פארוואס פרעגסטו אזעלכע שאלות, "צי האב איך אים געבעטן ער זאל מיר געבן לעבן?" דו האסט ליב צו לעבן! און דערפאר, בלויז צוליב דעם, בלויז ווייל דו האסט זיך

אויפגעוועקט היינט אינדערפרי, זאלסטו ארומגיין א גאנצן טאג טראכטנדיג, "מיט וואס קען איך צוריקצאלן? וואס קען איך טון אים צו דינען?"

מענטשן פארשטייען דאס נישט היינט. איך האב אמאל גערעדט דערפון צו א כולל אינגערמאן, האט ער געפרעגט, "וואס באקום איך?" וואס דער באשעפער געבט אים?! ער האט געטראכט אז ער פארמאגט נישט פינף 'קעדילעך' קארס, אז ער האט נישט קיין יאכט און א זומער היים אין מעין. דער פאקט אז ער עסט דריי מאלצייטן א טאג - דאס איז גארנישט צו אים. דער פאקט אז יעדע איינע פון זיינע גלידער ארבעטן פערפעקט, דער פאקט אז זיין מח פונקציאנירט און אז ער איז נישט פארשפארט אין א בית משוגעים - דאס איז גארנישט צו אים, ווייל ער האט קיינמאל נישט גענומען די צייט צו טראכטן דערפון.

## א הויז מיט א פונדאמענט

אויב א מענטש לערנט זיך נישט צו שעצן די אלע זאכן - און נישט בלויז אויבערפלעכליך, נאר טאקע פאקטיש שפירן דעם חוב אויף זיינע פלייצעס - דאן איז ער זייער ווייט פון זיין א קנעכט פארן באשעפער ווייל ער האט זיך נישט אראפגעשטעלט מיט דעם פאסיגן פונדאמענט. עס קען נישט זיין קיין שום עבודה אן צו וויסן ערשט אז דו ביסט דער וואס טוט ערהאלטן אומצאליגע חסדים.

עס איז א שאד אז מיר קלערן נישט אריין אין דעם. מיר וואלטן געדארפט אראפגעבן צייט, אסאך צייט, צו טראכטן פון וואס מיר באקומען פון באשעפער. אויב מיר וואלטן אריינגעטראכט גוט אין די אלע חסדים, ווען מיר זען וויפיל מיר געניסן.

ווי גליקליך ביסטו אז דו ביסט געבוירן געווארן. דו ביסט אראפגעקומען אויף די וועלט און דו ביסט נישט פארקריפלט! דו ביסט נישט בלינד. דו לעבסט נארמאל, מער וויייניגער, און דו האסט אזויפיל אברים און גלידער, און יעדע איינע פונקציאנירט - יעדע איינע איז א נס מיט א פונקטליכע אויסגערעכנטקייט. יעדע גליד פאר זיך איז אן אויסטערלישע וואונדערליכע המצאה וואס קיין שום מענטשליכער ערפינדער קען זיך דערמיט נישט פארגלייכן.

און יעדן טאג ערוועקסטו זיך אינדערפרי, דו עפנסט דיינע אויגן און דו לעבסט נאך. און דו הייבסט ווידעראמאל אן צו ניצן די געוואלדיגע מתנה פון דיין קערפער און דיין מח און אלע דיינע פעאיגקייטן. דו קענסט געדענקען, דו קענסט טראכטן, דו קענסט רעדן, דו קענסט זען און הערן, דו קענסט פונקציאנירן אין יעדן אופן. ווען דו הייבסט אן טראכטן אויף דעם גאנג, ביסטו גרייט פאר עבודת ה'.

# חלק ה' - די עבודה פון ספירת העומר

## דו ביסט אויפן וועג!

יעצט, הערנדיג דאס, געבט עס דיר א גענצליך נייער בליק אויף עבודת ה' - עס עפנט דיר טירן וואס דו האסט זיך קיינמאל נישט גע'חלומ'ט אז עס עקזיסטירט; דיינע מצוות, דיין תורה, באקומען אינגאנצן אן אנדער באדייט. אבער עס איז נישט גענוג בלויז דאס צו הערן - דו דארפסט דאס גרינטליך דורכטון; דו דארפסט מיט דעם לעבן. אויב דו טוסט גוט באטראכטן דער חסד ה' און יענער חסד ה', וועסטו אנהייבן פילן אביסעלע פון וואס מיר רעדן דא. און ווען א מענטש הייבט אן צו שעצן אפילו בלויז א קליין ביסל מער ווי פריער, דאן איז ער א גרעסערער עבד ה'. ער איז שוין אויפן וועג.

דו וועסט אנהייבן טראכטן, 'אפשר איז דער באשעפער מיר גארנישט שולדיג? אפשר טו איך נישט אזויפיל פאר אים? אפשר ווען איך וועל ארויפקומען אויף יענע וועלט, וועל איך זען אז איך בין געווען ווייט הינטערשטעליג מיט מיינע באצאלאנגען אפילו בלויז פאר דעם ערשטן טאג פון מיין לעבן? איך וועל זען אז סיי וואס איך האב געטון פארן באשעפער אויף די וועלט, האט אפילו נאכנישט באצאלט פאר דעם ערשטן טאג פון מיין לעבן. ווען איך בין געווען א קליין בעבי און איך האב געאטעמט און געלעבט נארמאל, סיי וואס איך האב באקומען אין דעם ערשטן טאג פון מיין לעבן, האב איך אים נאכנישט צוריקגעצאלט דערפאר, אפגעזען פון וויפיל מצוות איך האב געטון אפילו

ביזן לעצטן טאג פון מיין לעבן. פאר אלעס וואס דער באשעפער האט מיר געטון, קען איך אים קיינמאל נישט צוריקצאלן. איך האב אים נאכנישט באצאלט פאר די אלע ווינדלען וואס איך האב דאן אנגעהאט.׳

## הלל פאר איין אטעם

דו דארפסט באצאלן פאר די ווינדלען. דו דארפסט באצאלן פאר די מילך וואס דו האסט געטרונקען אין דעם ערשטן טאג. און דו דארפסט באצאלן פאר די אלע אטעמס וואס דו האסט געאטעמט אין דעם ערשטן טאג. דו ווייסט דערפון? אויף דעם פסוק, כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל קָהּ, זאגט דער מדרש (בראשית רבה יד:ט), על כל נשימה ונשימה תהלל קה - פאר יעדן אטעם און אטעם דארפסטו זאגן הלל. אז מיר זאלן זיך טאקע נעמען זאגן הלל פאר יעדן אטעם - און נישט האלב הלל! - וואלטן מיר קיינמאל נישט געענדיגט באצאלן פאר די אטעמס פון יענעם ערשטן טאג; מיר וואלטן נאך אלץ געהאלטן אינמיטן זאגן הלל!

דו ביסט נישט איבערצייגט אז אן אטעם - איין אטעם - איז ווערד צו זאגט דערויף הלל? איך האב א פשוט׳ע פראבע. לייג דיין קאפ אין א שיסל וואסער און האלט עס דארט פאר דריי מינוט. אויב איינער זאל דיר זאגן, ״איך וועל דיר לאזן געבן איין אטעם אויב דו זאגסט מיר צו צו זאגן נאכדעם הלל,״ עס איז א מציאה! ער וועט דיר לאזן ארויסנעמען דיין קאפ פאר איין רגע. דו געבסט איין אטעם און צוריק מיטן קאפ אין די וואסער. און אזוי ביסטו דארט, אונטער די וואסער און דו ווינקסט צו אים, ״איך בין גרייט צו זאגן נאך א הלל.״ דו וואלטסט גרייט געווען צו זאגן צוויי הלל׳ס אויך! עס איז א מציאה - איין הלל פאר איין אטעם. זעען מיר אז מיר זענען ווייט הינטערשטעליג מיט אונזערע באצאלונגען פארן באשעפער. ער געבט אונז אונזערע לעבנס און ער שטעלט אונז צו אלע געשמאקע זאכן פון וואס מיר געניסן - מיר זענען טיף פארוויטלט. מיר זענען ווייט איבער אונזערע קעפ מיט חובות, און דערפאר, ווי ווייט מעגליך מיר קענען, ווילן מיר אים דינען.

## אין גאס דארף מען נישט קיין מזוזה

לאמיר נעמען צום ביישפיל, דער באשעפער געבט דיר א היים וואו צו וואוינען און דאס גאנצע וואס ער פארלאנגט איז, אז דו זאלסט ארויפלייגן א מזוזה אויפן טיר. ״וועסטו פרעגן, ״פארוואס?״ וועט דער באשעפער ענטפערן, ״אויב דו ווילסט נישט ארויפלייגן א מזוזה, גוט. געב מיר צוריק דאס הויז.״ קיינער דארף נישט ארויפלייגן א מזוזה אויב ער האט נישט וואו צו וואוינען. נאר אויב דו האסט א הויז אין וואס צו וואוינען דארפסטו ארויפלייגן א מזוזה.

עס איז פונקט ווי א אינגל זאל פרעגן זיין טאטן, ״טאטי, איך דארף בענטשן יעדן טאג?!״ ענטפערט אים זיין טאטע, ״ניין, נאר ווען דו עסט ברויט.״ בלויז פאר קוקן אויף ברויט דארף מען נישט מאכן קיין ברכה. אלזא, קוק און עס נישט! אויב דער באשעפער הייסט דיר מאכן א ברכה אויף עסן, וועסטו פרעגן, ״פארוואס זאל איך?״ וועט דער באשעפער מעגליך ענטפערן, ״גוט, עס נישט מיינע עסן און מאך נישט קיין ברכה.״

פארוואס דארפסטו לייגן תפילין אויף דיין קאפ? ווייל דו האסט א קאפ! דער באשעפער זאגט, ״יעדן טאג געב איך דיר א קאפ; עס איז זייער א ווערדפולע מתנה.אויב דו ווילסט נישט לייגן תפילין, דאן געב צוריק דיין קאפ.״ איז ווען דו טוסט אן די תפילין, אנערקען אז דו טוסט דאס צוליב דעם געפיל פון מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי - ווי אזוי קען איך דיר באצאלן פאר אלעס וואס דו האסט מיר געגעבן?

## עס איז נישט גענוג

אצינד, ווען דו הייבסט אן א קאריערע פון זיין אן עובד ה׳, איז נישט גענוג, צום ביישפיל, בלויז ארויסצוגיין און קויפן א טייערערע פאר תפילין. עס איז נישט קיין שלעכטער געדאנק, גראדע. מען דארף מאכן זיכער אז די תפילין זאלן זיין כשר׳ע תפילין און אויב עס פעלט אויס טאר מען נישט אפשטופן צו קויפן א נייערע פאר. אבער דאך איז עס נישט גענוג. עס איז נישט גענוג בלויז אויב דו קויפסט א בעסערן טלית. עס איז נישט גענוג ארויפצולייגן טייערערע מזוזות. עס איז גוט, אבער נישט גענוג.

ווען דו טוסט אן די תפילין מארגן אינדערפרי, און דו טוסט אן די ציצית און דו לייענסט קריעת שמע און דאוונסט, און דו געבסט צדקה, זאל דאס אלעס אויסדריקן איין זאך: זיי זאלן אויסדריקן דיינע געפילן פון הכנעה צוליב די אלע חסדים וואס דער באשעפער האט דיר געגעבן. דאס הייסט, די תורה און מצוות און אלעס וואס דו טוסט איז מיט א צוגאנג פון זיין אונטערטעניגט צו אים, דו ביסט נכנע אונטער דעם באשעפער מיט הכרת הטוב.

די אלע חסדים וואס דער באשעפער געבט אונז פארלאנגט פון אונז עפעס א קליינע באצאלונג. און דאס איז געווען הלל׳ס ענטפער צום גר. דער טעם צו די גאנצע תורה איז הכרת הטוב. דאס איז די סיבה פארוואס מיר זענען מקיים מצוות. מה דעלך סני - וואס דו האסט פיינט, אויב נאך וואס דו האסט געטון אזויפיל טובות פאר איינעם און ער האט דיר אפגעזאגט א קליינע טובה, האסטו דאס פיינט - דאן לחברך - צו דיין גרויסן פריינד אין הימל וואס האט דיר אלעס געגעבן, לא תעביד - טו דאס נישט פאר אים.

## דער יסוד צו אונזער עבודה

און דערפאר איז דער פונדאמענט פון די גאנצע תורה הכרת הטוב. אבער אזא סארט בליק איז נישט עפעס וואס מען איז קונה אין איין טאג - מען קען נישט הערן א דרשה און ערווארטן צו זיין גרייט צו דינען דעם באשעפער. דאס אידישע פאלק האט זיך נישט געשטעלט ביים הר סיני בלויז צו הערן א שיעור פון משה רבינו אויף הכרת הטוב און זאגן נעשה ונשמע. עס איז געווען פריער א גרויסע הקדמה פון פארשטיין און שעצן די חסדי ה׳. און אט די הקדמה פון אויסערגעוויינליכע דאנקבארקייט איז געווען די מאטיוואציע פאר די תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים וואס האט זיך אפגעשפילט אויף דעם בארג.

אלזא, ווען מיר קומען צוריק צו אונזער נושא פון ספירת העומר, פון ציילן דעם עומר מיט ערווארטונג צו קבלת התורה, פארשטייען מיר אז בעיקר איז דאס א ציילונג פון דאנק. מיר ציילן איין טאג נאך דעם אנדערן; איין טאג פון חסד ה׳, א צווייטן טאג פון חסד ה׳, און נאך איינע און נאך איינע. און מיר האלטן אין איין ציילן, ביז מיר קענען זאגן, אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט, ״מה אשיב - אוי, באשעפער! וואס אין די וועלט קען איך טון דיר צו ווייזן מיין דאנקבארקייט?״

איר ווייסט פארוואס דוד האט דאס געזאגט? ווייל, כּוֹסִי רְוָיָה - זיין גלאז איז געווען אנגעפילט; עס איז איבערגעפלאסן מיט שמחה. ״כּוֹסִי רְוָיָה, מיין גלאז טוט איבערפליסן!״ האט ער געזאגט, ״איך באקום אזויפיל פרייליכקייטן!״

אבער אונזערע גלעזער? איר ווייסט פארוואס אונזערע גלעזער טוען נישט איבערפליסן מיט די חסדים פון באשעפער? ווייל ווען מיר באקומען א חסד זענען מיר פרייליך פאר א מאמענט, אבער עס פארבלייבט נישט דארט. עס בלייבט נישט אין דעם קאפ! (דער רב האט געוויזן אויף זיין קאפ אויף די פלייצע). מיר לייגן עס אריין אין קאפ אבער עס איז דא א לאך פון אונטן און וואס עס גייט אריין רינט ארויס. דער באשעפער געבט אונז נאכאנאנד פרייליכקייט און חסדים, אבער ווען מיר קוקן אריין אין אונזער גלאז פון שמחה, זעען מיר דארט גארנישט. עס איז אלעס ארויסגערינען פון די לאך.

און דערפאר, דארפן מיר ארבעטן אויף די עבודה פון ספירת העומר דורך ציילן יעדן טאג און געדענקען די פרייד פון דעם פריערדיגן טאג אויך. יעדן טאג ווערט צוגעלייגט צום פריערדיגן און אזוי הייבט זיך אן צו אנפילן אונזער גלאז.

דער אמת איז, עס נעמט מער ווי ניין און פערציג טעג, גראדע; עס פאדערט א לעבנסלענגליכע התבוננות. אבער דער לימוד וואס מיר לערנען דא איז אז יעדן טאג רעכנט זיך - יעדן טאג איז וויכטיג! און נאך א שטיק צייט הייבסטו אן צו טראכטן, ״זע וואס דער באשעפער טוט פאר מיר! אזויפיל טעג פון שמחה!״ און דיין מח הייבט אן צו איבערפליסן מיט דאנק. עס גיסט זיך ארויס; דו קענסט דאס נישט העלפן. און דו הייבסט זיך אן צו פרעגן די זעלבע שאלה ווי דוד המלך האט געפרעגט: ״מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי - וואס קען איך צוריקצאלן פארן באשעפער פאר אלעס וואס ער טוט פאר מיר?״

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**איך האב געזען שטיין אין מסילת ישרים אז דער באשעפער וועט זיך נישט פארהוילן פון א מענטש'ס שלעכטע מעשים. נאר צו טראכטן אז דער באשעפער וועט יא, דאס איז א סכנה. דער רב קען ביטע ערקלערן דעם ענין?**

## תשובה:

עס איז זייער וויכטיג דאס צו וויסן, אז - כל האומר הקב"ה ותרן הוא, יותרו חייו, איינער וואס זאגט אז דער באשעפער איז מוותר אויף זיינע שלעכטע מעשים, וועט דער באשעפער מוותר זיין אויף זיין לעבן (בבא קמא נ.). דאס איז זייער א וויכטיגער דערהער. אויב איינער טראכט אז הקדוש ברוך הוא איז נישט קיין שטרענגער שופט, זאל ער וויסן אז פאר דעם אליין קומט אים אן ערנסטער עונש, ווייל דער מענטש פארהוילט זיך פון זיין גאנצער ציל אין לעבן. מיר זענען דא אויף די וועלט זיך צו אויסארבעטן אין עבודת ה' און מען קען אין ערגעץ נישט אנקומען אויב מ'לעבט מיט א פאלשע מחשבה אז מ'קען זיך ארויסדרייען מיט אומרעכטן. די וועלט איז אונטער אן אויפזיכט. די וועלט ווערט געפירט שטרענג. מיר דארפן אפגעבן דין וחשבון אויף אונזערע מעשים. מיר זענען געקומען אין א וועלט וואס איז פול מיט נסיונות און פרואוואונגען. מיר דארפן ביישטיין די נסיונות פון די וועלט. קיינער איז נישט באפרייט פון די אויפגאבע פון ביישטיין די נסיונות.

ווי אזוי קען מען ביישטיין די נסיונות? אויב מ'הערט אויס די שיעורים און מ'פראבירט עס אויסצופירן, איז דאס זיכער א גוטער אנהייב. אבער סיי וואס עס זאל זיין, איין זאך איז זיכער - הקדוש ברוך הוא וועט נישט נאכלאזן. ער געבט נישט פאר מענטשן גוטע צייכענונגען אומזיסט. מ'דארף זיך פארדינען די גוטע צייכענונגען און דאס אלעס. עס איז אן ערנסטע וועלט און איר זענט ערווארטעט עס צו באהאנדלען מיט די גרעסטע פארזיכטיגקייט און - כבוד ראש, מיט די גרעסטע ערנסטקייט.

דאגעגן, ווי מיר האבן שוין גערעדט, ווען א מענטש באשליסט אז ער גייט פאלגן דעם באשעפער און זיין פרייליך אויף די וועלט, וועט ער מצליח זיין. "איך גיי פאלגן דעם באשעפער און האלטן מיין מויל פארמאכט," זאגט ער. איך גיי פאלגן דעם באשעפער און זיך אפהאלטן פון סכנות. איך גיי פאלגן דעם באשעפער און אויסהערן מיין לאגיק." "אה," זאגט דער באשעפער, "יעצט טוסטו ביישטיין דעם נסיון." אודאי דארף מען איינהאלטן אלעס אין די תורה. דער באשעפער וועט נישט מוותר זיין. ער וועט אויף גארנישט פארקוקן. דאן זאגט דער באשעפער, "יעצט טוט איר ביישטיין דעם נסיון אין לעבן. דו ביסט מצליח מיט דעם תפקיד צו וועלכן דו ביסט געקומען אויף די וועלט."


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**